# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת חקת בלק, י"ב תמוז, אבות פרק ה', שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 40 (610)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.....................8:12
מוצאי שב"ק......................9:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..................שמואל-א' ט"ז-י"ז
בבלי...........................גיטין מ"ו
ירושלמי.................תרומות ט"ז
תוספתא...........כלים מציעא ח'
רמב"ם....תפלה וברכת כהנים ח'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה מַלְאָכִים מִקָּדֵשׁ אֶל מֶלֶךְ אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ. מִיר לֶערְנֶען אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים צוּם קֶענִיג פוּן אֱדוֹם, דֶערְצֵיילְנְדִיג אִים אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין מִצְרַיִם, אוּן וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶערַאטֶעוֶועט פוּן דָארְט, אוּן יֶעצְט בֶּעט עֶר אִים אַז עֶר זָאל לָאזְן דִי אִידְן דוּרְכְגֵיין זַיין לַאנְד. פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶּעלְט דִי הַקְדָמָה, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט אִין מִצְרַיִם, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ גֶעקֶענְט בֶּעטְן דִי טוֹבָה אַז עֶר וִויל דוּרְכְגֵיין דוּרְכ'ן לַאנְד אֱדוֹם?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') **בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי**, דָוִד הַמֶּלֶךְ קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען מִיט דֶעם פָּסוּק, אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרָה אַלֵיין אִיז זִיכֶער אַלְץ אוֹיךְ דָא עֶפֶּעס אַן הַרְחָבָה, אוֹיסֶער דֶעם וָואס מִיר הָאפְן אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אִינְגַאנְצְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי צָרָה, קֶען מֶען אָבֶּער אוֹיךְ טְרֶעפְן אִין דִי צָרָה אַלֵיין אַז ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, ס'וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין פִיל עֶרְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוֹיךְ עֶפֶּעס גוּטֶע זַאכְן אִין דִי צָרָה. דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְּקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ דָאךְ זַיין פֶּעקֶל צָרוֹת, קֵיינֶעם גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל, אוֹיב וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זִיךְ אָבֶּער גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן אִין דִי אַלֶע צָרוֹת, דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען דָאךְ נָאר אוֹיפְצוּוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי רִיכְטִיגֶע שֵׂכֶל, אוּן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה סוֹף כָּל סוֹף פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

דֶער כֹּחַ, צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אִין אַלֶע צָרוֹת, קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְצוּגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דָאס לֶעבְּן גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ וָואס נָאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען בַּאשָׁאנְקֶען גֶעוָוארְן מִיט דֶעם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער נֶעמֶען אָן בְּאַהֲבָה אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פַאר זֵיי, אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט לִיבּ, זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פַאל. ווִידֶער דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן נִישְׁט דֶעם כֹּחַ, וִוי נָאר זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אִינֶעם גוּטְן רִיכְטוּנְג, הוֹיבְּן זֵיי אָן שֶׁעלְטְן אוּן שִׁימְפְן, זֵיי שֶׁעלְטְן אֲפִילוּ זֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער, וַוייל זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי צָרוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם בֶּעטְן שָׂכָר אַזוֹי וִוי דִי אִידְן, וֶועט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן מִיט דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן שׁוֹין זִיצְן אִין דִי סוּכָּה וֶועט וֶוערְן גָאר הֵייס, אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁטוֹיסְן דִי סוּכָּה אוּן אַרוֹיסְגֵיין. דַאן וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶער חִילוּק צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אִיד מוּז אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי סוּכָּה צוּלִיבּ הִיץ אָדֶער רֶעגְן, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין מִיט הַכְנָעָה, אוּן וַוארְטְן אוּן בֶּענְקֶען צוּ קֶענֶען שׁוֹין צוּרִיקְגֵיין, אָבֶּער אַ גוֹי שְׁטוֹיסְט אוּן שֶׁעלְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

רַשִׁ"י זָאגְט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זָאגְן פַארְ'ן קֶענִיג פוּן אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דִי בְּרִידֶערְשַׁאפְט צְווִישְׁן זֵיי, כְּדֵי אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט אֱדוֹם אוֹיךְ גֶעדַארְפְט מְקַיֵּים זַיין דֶעם חוֹב פוּן כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ (בְּרֵאשִׁית ט"ו, י"ג), דֶערְפַאר זָאל עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אַז דִי אִידְן בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר זִיךְ, אוּן עֶר זָאל כָאטְשׁ אַזוֹיפִיל אַרוֹיסְהֶעלְפְן צוּ לָאזְן דִי אִידְן אַרִיבֶּערְגֵיין זַיין לַאנְד. מִיט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען עֶס נָאךְ מֶער פַארְשְׁטֵיין, אַז דִי גוֹיִם וָואלְטְן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְנֶעמֶען מְקַיֵּים צוּ זַיין דֶעם חוֹב צוּ לַיידְן גָלוּת, וַוייל זֵיי וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי שְׁוֶועריקַייטְן, נָאר דִי אִידְן, וָואס טְרֶעפְן אַלְץ דִי הַרְחָבוֹת אִין דִי צָרוֹת, זֵיי וַוייסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן צָרוֹת אִיז עֶס זִיכֶער נָאר אַ טוֹבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט מִיטְמַאכְן דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן דוּרְךְ דֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵּק זַיין, אֲפִילוּ וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן אוּן צָרוֹת, זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען צוּ זוּכְן דִי טוֹבוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מִיר בַּאקוּמֶען, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, מִיר וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מִיר גֵייעֶן אַלְץ אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, מִיר וֶועלְן זַיין אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן ס'וֶועט אוּנְז גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל חֻקַּת תשס"ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ וֶועג אַרוֹיס

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרַיין אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַ צָרָה, אִין אַ שְׁוֶועריקַייט, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס, דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועג אַרַיין צוּם פְּרָאבְּלֶעם, אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם. דֶער עִיקָּר אִיז אַז מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן קְלֶערְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג אַרוֹיס.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, סַיי וָואס מֶען וֶועט נָאר וֶועלְן טוּן אוּן אוֹיסְפִירְן, וֶועלְן אֵייבִּיג זַיין אוֹיף דֶעם שְׁוֶועריקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דָאס לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְלַאטִיג, עֶס מַאכְן זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטֶערוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, דֶער עִיקָּר חָכְמָה אִין לֶעבְּן אִיז צוּ גֶעדֶענְקֶען

<<<<<<

## א גוטווארט

עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר אֵיין עֵצָה אִיז דָא: 'חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער וָואס יוּנְגֶער אוּן וָואס גִיכֶער'; נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם דוֹר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט:) וֶוער עֶס הָאט חֲתוּנָה שְׁפֶּעט - וֶועט עֶר זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט אוּמְרֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

וֵויי אוּן בִּיטֶער פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד אוּן פַאר אַנְדֶערֶע נְגִיעוֹת - הַאלְטְן זֵיי אָפּ דִי קִינְדֶער פוּן לֶעבְּן בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, וֵויי אוּן בִּיטֶער פַאר זֵיי; וָואס וֶועלְן זֵיי עֶנְטְפֶערְן פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה וֶוען מֶען וֶועט זֵיי אוֹיפְוַוייזְן קְלָאר וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרִיבֶּער טָאג טֶעגְלִיךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

מַאךְ נִישְׁט קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג; מַאךְ דַיין קִינְד חֲתוּנָה, לָאז אִים לֶעבְּן; דוּ ווִילְסְט דֶען זַיין אַלֵיין? קוּק נִישְׁט אוֹיף שְׁכֵנִים, מִשְׁפָּחָה; טוּ וָואס אִיז רִיכְטִיג, וֶועט דִיר גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# הַאלְט מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ קְלֵיינֶע שְׁפְּרִיצֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן וָואס תּוֹרָה טוּט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיב עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה - וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: ״רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט״.

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ אוֹיסְוַואשְׁן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע פְלֶעקְן.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן דִיךְ כְּסֵדֶר: ״אִיךְ הֶער אַז דוּ בִּיסְט אַ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ׳נִיק...״ עֶנְטְפֶער נִישְׁט ״יָא״; קוֹדֶם נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת, זָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת אוּן נָאכְדֶעם גֵיי זָאג אִים: ״יָא, אִיךְ בִּין אַ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ׳נִיק, אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא״שׁ״.

דִי וָואס לַיידְן אוֹיף אַסְטְמַא הַאלְטְן מִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַ קְלֵיינֶע שְׁפְּרִיצֶער, וָואס אוֹיב זֵיי פַארְלִירְן דֶעם אָטֶעם - גֶעבְּן זֵיי זִיךְ גְלַייךְ אַ שְׁפְּרִיץ אַרַיין פוּן דִי מֶעדֶעצִין, אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אָטֶעמֶען. מִשְׁנַיּוֹת אִיז מַמָּשׁ דֶער זַאךְ, מֶען דַארְף דָאס טְרָאגְן מִיט זִיךְ צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְן, נִישְׁט וֶוערְן פַארְכַאפְּט אִין עֲבֵירוֹת.

מִשְׁנַיּוֹת צֶעבְּרֶעכְט תַּאֲווֹת נִיאוּף. אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת טָאג נָאךְ טָאג, דוּ וֶועסְט דָאס טוּן מִיט אַן עַקְשָׁנוּת; דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דוּ הַאלְסְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִצְלָן, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט לִימּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה - וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אִין אַ רֵייעֶ דַוְקָא, זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; דָאס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן (סִימָן עו) וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד״, מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען, ״רַק הָאֲמִירָה לְבַד״, נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. ״לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר״, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִין אַ רֵייעֶ, ״וּמִמֵּילָא יָבִין״, אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, ״וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף״ אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין - ״יָבִין אַחַר כָּךְ״, וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער, מִיט דִי צַייט - פַארְשְׁטֵיין, עַיֵּין שָׁם.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיין לֵצִים, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיין מְחוּצָּפִים; בְּעִיקָּר גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי צְבוּעִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה כב:): ״הִזָּהֲרוּ מִן הַצְּבוּעִים״ גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי פִּנְחָס אוּן טוּעֶן מַעֲשֵׂה זִמְרִי; דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן לֶערְנֶען, אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט - דִי אַלֶע זֶענֶען בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, גְרוֹיסֶע נוֹאֲפִים. אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֶעלְן זֵיי אַ פָּנִים וִוי פִּנְחָס - זֶענֶען זֵיי עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה זִמְרִי.

אִיךְ זָאג דִיר אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי צֶענְדְלִיגֶער בָּחוּרִים אוּן צֶענְדְלִיגֶער אִינְגֶעלַייט; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט מִשְׁנַיּוֹת מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט - זֶענֶען הַיינְט גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אִין עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים רַחֲמָנָא לִצְלָן וָואס מֶען קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן, אַלֶע זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דֶעם דוּרְךְ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, נָאכְגֵיין מוֹהֲרָא״שׁ מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח, וַיִּשְׁלַח תשפ״ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דִי אַלֶע שְׁוֶועריֵקְייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּגֶעשְׁטֶעלְט, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס הַאנְדְלֶען. אוּן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע רָצוֹן, מִיט אַן אֱמֶת׳ן ווילְן, קֶען מֶען אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ״ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין שְׁוֶועריֵקְייטְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אוֹיף וִויפִיל זַיינֶע כּוֹחוֹת קֶענֶען דֶערְהֵייבְּן. אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעוִויסֶע שְׁוֶועריֵקְייט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט טַאקֶע דִי כּוֹחוֹת דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען. וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גוּט אַרַיין אִין קָאפּ, גֵייט שׁוֹין דָאס לֶעבְּן פִיל גְרִינְגֶער.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דֶערוֹיף אַ בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ קִינְד. וֶוען מֶען ווִיל אָנְרֵייצְן אַ קִינְד אַז עֶר זָאל וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט מֶען אִים עֶס וַוייזְן אוּן נָאכְדֶעם עֶס גְלַייךְ בַּאהַאלְטְן, אוּן דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל נָאךְ מֶער וֶועלְן אוּן שְׁטְרֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ מִיט אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶר ווִיל צוּקוּמֶען צוּ אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶועט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּמָאל בַּאהַאלְטְן, עֶר וֶועט אִים אוּנְטֶער שְׁטֶעלְן שְׁוֶועריֵקְייטְן אוֹיפְ׳ן וֶועג, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ מֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי חֵשֶׁק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס דַוְקָא יָא וֶועלְן בַּאקוּמֶען. אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן זַיין רָצוֹן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן וַוייטֶער מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט עֶר דוּרְכְבְּרֶעכְן אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין אִיבֶּער אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריֵקְייטְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ זַיין צִיל. דִי ״מְנִיעוֹת״, דִי שְׁטֶערוּנְגֶען, וֶועלְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ ״נְעִימוּת״, צוּ אַ זִיסְקֵייט.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אַ אִיד זִיךְ צוּ דוּרְכְרֶעדְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דוּרְכְפִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריֵקְייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דַאן פְרַייטָאג פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאלְטְן בַּיים פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ״ב, ד׳) ״וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק״, דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאגְן זַיין זוּן יִצְחָק צוּ דִי עֲקֵידָה, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן דֶער וַוייטְנְס, זָאגְט רַשִׁ״י וִוי אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער פְּלַאץ אִיז? וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַ וָואלְקְן אוֹיפְ׳ן בַּארְג.

הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד וואוּ עֶר הַאלְט, אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ דֶער עֶנְטְפֶער צוּ זַיין פְּרָאבְּלֶעם. דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף גֵיין? וֶוען מֶען זֶעט דָארְט אַ וָואלְקְן, מֶען זֶעט אַז דֶער וֶועג צוּם פְּלַאץ אִיז פַארְוָואלְקְנְט אוּן פַארְנֶעפְּלְט, דֶער וֶועג אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אוּן גְלַאטִיג, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז מֶען אִיז אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט אָנְצוּגֵיין אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּנֶעם וָואלְקְן, אוּן דַאן אִיז מֶען מַצְלִיחַ אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל.

## יֶעדֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין

לָאמִיר נֶעמֶען אַ בַּיישְׁפִּיל דֶער עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל זֵיי קְלֶערְן אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער, זֵיי הָאבְּן צוּפִיל שְׁוֶועריֵקְייטְן אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת׳דִיג, וֶועט עֶר טְרֶעפְן וֶועגְן אִיבֶּערְצוּקוּמֶען דִי שְׁוֶועריֵקְייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן רפ״ו) אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פְרֶעגְט אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל ״קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה״, בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָבֶּער דֶער וָוארְט ״קֶבַע״ קֶען אוֹיךְ מֵיינֶען גְנֵיבָה״, טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע׳גַנְבְ׳ט צַייט צוּ לֶערְנֶען. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אִיבְּרִיג צַייט, אָבֶּער הָאסְטוּ כָאטְשׁ פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּ׳גַנְבְ׳עֶנֶען אַבִּיסֶל צַייט פַאר תּוֹרָה?

חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא לה:) ״הִלֵּל מְחַיֵּיב אֶת הָעֲנִיִּים, רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוֹם מְחַיֵּיב אֶת הָעֲשִׁירִים, יוֹסֵף מְחַיֵּיב אֶת הָרְשָׁעִים״ - דָאס מֵיינְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אוּן עֶר פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ אָרֶעם, אָדֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ רַייךְ אוּן פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעשֶׁעפְטְן, אָדֶער אַז עֶר הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, זָאגְט מֶען אִים אַז עֶר זָאל קוּקְן דִי צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריֵקְייטְן.

<<<<<<

<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

הִלֵּל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט צוּ גֶעבְּן פַאר'ן שׁוֹמֵר פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִים נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואס הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט אוֹיס אַז דִי צַדִּיקִים זֶענֶען מְחַיֵּיב יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז וֶוער עֶס הָאט זִיךְ יָא אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט תֵּירוּצִים, וֶועט בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָאךְ (מִשְׁלֵי יז, כו) "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב", אַ צַדִּיק זוּכְט נִישְׁט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן מֶענְטְשְׁן, עֶר זוּכְט נִישְׁט אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ דוּרְךְ אִים. אוּן דָא זָאגְן חַזַ"ל אַז דִי צַדִּיקִים וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַן עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין תּוֹרָה.

נָאר מֶען קֶען זָאגְן פְּשַׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן יֶענֶע וֶועלְט, נָאר מֶען רֶעדְט טַאקֶע נָאךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָוארְט "מְחַיֵּיב" קֶען מֵיינֶען אַז זֵיי מַאכְן דֶערְפוּן אַ "מְחוּיָּב הַמְּצִיאוּת" (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ב) הִלֵּל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ וֶועג אוּן גֶעוִויזְן פַאר יֶעדְן אַז אֲפִילוּ אַן אָרִימַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען. רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן חַרְסוּם אִיז גֶעוֶוען אַ מוּסְטֶער צוּ וַוייזְן אַז אֲפִילוּ אַ פַארְנוּמֶענֶער עוֹשֶׁר הָאט אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט דֶערְקְלֶערְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אוּן פוּן זֵיי דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אָפְּלֶערְנֶען אַז אֲפִילוּ מִיט אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן, אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, עֶס אִיז אֵייבִּיג דָא אַ וֶועג אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען אַמָאל טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶעצְט זֶענֶען דָא דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶועט שׁוֹין אַלֶעס זַיין מְסוּדָר, עֶס וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט אוּן גְלַאטִיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין.

אַ בָּחוּר טְרַאכְט אַז יֶעצְט הָאט עֶר טַאקֶע אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן, אָבֶּער וֶוען עֶר וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט עֶר זַיין גֶעהֶעריִג מְסוּדָר, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער חֲתוּנָה זֶעט עֶר אַז עֶרְשְׁט דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי שְׁוֶועריִקְייטְן, אוּן דַאן וִויל עֶר עֶס אָפְּלֵייגְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער וֶוען זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין גְרוֹיס וֶוערְן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר וַוייטֶער שְׁוֶועריִקְייטְן טַאקֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר קְלֶערְט אַז נָאכְ'ן חֲתוּנָה מַאכְן אַלֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶּער דֶעמָאלְט קוּמֶען אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער כְּלָל אִיז: אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אֵייבִּיג נֶעמֶען אִין דִי הַאנְט אַרַיין, עֶר קֶען אֵייבִּיג אוֹיסְפִירְן אַלֶעס וָואס עֶר וִויל אֱמֶת'דִיג טוּן, סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת. אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועלְן אוֹיךְ אוּנְטֶער קוּמֶען שְׁוֶועריִקְייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, אוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט אַ וֶועג אַרוֹיס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף. דֶער עִיקָּר אַז מֶען זָאל אַרַיין נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ג' עֶרֶךְ מְנִיעוֹת)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אִיז וִוויכְטִיג דִי קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן יֶעצְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם דְרַייסִיגְסְטְן מָאל, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אִיךְ וֶועל אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין מִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה צוּ פְרֶעגְן אוּן אִיךְ וִויל זֵייעֶר וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם. אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטֶעלְט אַ וֶועסְטְל בַּיי אַ פִירְמֶע, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ טָעוּת אוּן עֶס גֶענֵייט אוֹיף אַ וֶועג עֶס זָאל זִיךְ צוּקְנֶעפְּלֶען פוּן לִינְקְס אוֹיף רֶעכְטְס, אַנְשְׁטָאט פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס; זָאל אִיךְ צָאלְן עֶקְסְטֶער גֶעלְט עֶס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן עֶס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן עֶס זָאל יָא זַיין פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס? אָדֶער אִיז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג, מֶען קֶען עֶס לָאזְן אַזוֹי?

בִּכְלָל וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס אִיז טַאקֶע דֶער עִנְיָן צוּצוּמַאכְן דִי קְלֵיידֶער דַוְקָא פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אַזַא וִויכְטִיגֶער עִנְיָן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַודַאי אִיז דָא אַ כַּוָּונָה מִיט דֶעם וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן דִי קְלֵיידֶער רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס. עֶרְשְׁטְנְס, מִיר גֶעפִינֶען אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (מִקֵּץ, קצח:): "דְּבָעְיָא לֵיהּ לְבַר נָשׁ, לְנַטְלָא יְדָא יְמִינָא בִּשְׂמָאלָא", מֶען זָאל זִיךְ וַואשְׁן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט, "בְּגִין לְשַׁלְטָאָה יְמִינָא עַל שְׂמָאלָא", אַז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִי לִינְקֶע; וַוייל רֶעכְטְס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חֶסֶד אוּן לִינְקְס - אוֹיף דִינִים, דַארְף מֶען שְׁטַארְקְן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס.

אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה וּנְשִׂיאַת כַּפַּיִם, הֲלָכָה ד) וִוי אַזוֹי מֶען זָאל שְׁטֵיין בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה: "מֵנִיחַ יָדָיו עַל לִבּוֹ, כְּפוּתִין הַיְמָנִית עַל הַשְּׂמָאלִית", מֶען זָאל לֵייגְן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט, אוּן דֶער בֵּית יוֹסֵף זָאגְט אַ טַעַם אוֹיף דֶעם (בֵּית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, סִימָן צה): "רֶמֶז לְהַכְנָעַת יֵצֶר הָרָע שֶׁהוּא נִרְמָז בְּצַד שְׂמֹאל", דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן הַכְנָעָה, צוּ פַארְדֶעקְן דִי לִינְקֶע, וָואס וַוייזְט אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע. אוּן אַזוֹי אִיז בַּיי אַלֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶעס גֵייט רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אֲפִילוּ דִי שְׁרִיפְט, וִוי אַזוֹי אִידְן שְׁרַייבְּן - בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (תְּשׁוּבוֹת, אוֹרַח חַיִּים סִימָן סז) - אִיז פוּן רֶעכְטְס אוֹיף לִינְקְס, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי מִצְוָה פוּן חֲלִיצָה - אִיז מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט.

בַּיי קְלֵיידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע מֵרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נִדְפַּס בְּסֵפֶר יַלְקוּט מְנַחֵם, מִכְתָּב ב): "חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ, בְּמִנְהָג חָדָשׁ שֶׁל גּוֹיִים", עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ נֵייעֶ מָאדֶע וָואס קוּמְט פוּן דִי אוּמּוֹת הָעוֹלָם, "שֶׁמְּהַפְּכִין וּמַנִּיחִין צַד הַשְּׂמֹאל שֶׁל הַבְּגָדִים עַל צַד הַיָּמִין", אַז מֶען נֵייט דִי קְלֵיידֶער - דִי לִינְקֶע זַייט זָאל זַיין אוֹיף דִי רֶעכְטֶע, "וּבָזֶה מַגְבִּירִים הַשְּׂמֹאל עַל הַיָּמִין בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים", אוּן מִיט דֶעם טוּט מֶען שְׁטַארְק מַאכְן דִי לִינְקֶע אוֹיף דִי רֶעכְטֶע; אִיז אַוַדַאי זָאלְסְטוּ פַארְרֶעכְטְן דַיין וֶועסְטְל עֶס זָאל לִיגְן דִי רֶעכְטֶע זַייט אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן קְלֵיידֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיין, אוּן נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכז; כט): "הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת", דִי קְלֵיידֶער וֶועלְן מָאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעטוּן צֶערִיסֶענְערְהֵייט; בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים זֶענֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, שְׁטֶענְדִיג גֵיין אָנְגֶעטוּן רֵיינֶע קְלֵיידֶער אוּן נִישְׁט קֵיין צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# הִיט דַיינֶע אוֹיגְן

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע; דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע עֲבֵירוֹת - אִיז מֶען פּוֹגֵם בְּאוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם. בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֶועְר פַארְבְּרֶענְט אִין נִיאוּף, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ קוּק אוֹיף יֶעדֶע קְלִיפָּה, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַוֶועק קוּקְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, קוּק מַיין הַארְץ, אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין; יֶעדֶע מָאל אִיךְ מַאךְ אָפּ אִיךְ גֵיי זַיין גוּט - פַאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרַיין, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס פְלַאקֶערְט אִין מִיר.

אָנָּא הַשֵּׁם רַחֵם עָלַי, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְפַאלְן גֵיין, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא, גֶעבּ מִיר כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן".

לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיין מַצָּב פּוּנְקְטְלִיךְ וִוי וַוייט דוּ בִּיסְט פַארְפַאלְן, וִוי וַוייט דוּ בִּיסְט פַארְלוֹירְן, דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַחְרָיוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט צוּ אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קֹרַח תשפ"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **ישראל מנחם ראזענבערג** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

***

מו"ה **אלי' פערל** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **נפתלי אפפעלדארפער** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק פעלדמאן** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **זאבי סרולאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסי מערמלשטיין** הי"ו
**צו די געבורט פוז א אינגל למזל טוב**

## נייעס אינעראלב מוסדותינו הק'

# ישיבה תפארת התורה פארט ארויס אין קעמפ

אזוי ווי אלע יארן, פארט דער ראש ישיבה שליט"א ארויס מיט די בחורים אין קעמפ צו ווילן אויף די זומער וואכן, ווייט אוועק פון די שטאט, וואו מען קען זיין אפגעזונדערט פון די שטאטישע גאסן, און זיך קונה זיין אסאך גוטע זאכן תורה ותפילה און יראת שמים.

אין די לעצטע פיר יאר, זייט די שטעטל איז געגרינדעט געווארן, איז די הייליגע ישיבה געווארן א חלק פון שטעטל אין די זומער וואכן.

פאריאר האט שוין דער ראש ישיבה באשטימט אז די ישיבה זאל איבערנעמען דעם בנין אונטערן בית המדרש אויף האשקי פאר די בחורים כדי מען זאל קענען לאזן דעם בית המדרש פאר'ן באנוץ פון די שטעטל איינוואוינער. און ווי שוין באריכטעט האט דער ראש ישיבה שליט"א היי יאר געלאזט בויען א פרישע בית המדרש פאר'ן שטעטל, כדי דער בית המדרש אויף האשקי זאל בלייבן בלויז פאר די כולל אינגעלייט.

כאטש מען האט שוין גענוצט דעם בנין אונטער'ן בית המדרש פאריאר, איז עס ביז יעצט געווען אויף א פראוויזארישן פארנעם ווען דער בנין איז געווען רוי און אומפארטיג, היי יאר האט הר"ר יואל הכהן ראזענבערג שליט"א גענומען אויף זיך איבערצובויען דעם בנין הערליך וואס וועט טאקע טראגן דעם נאמען "היכל ראזענבערג", וואו דארט וועלן פארקומען אלע אקטיוויטעטן פון די ישיבה, דארט וועלן די בחורים דאווענען, לערנען, דארט וועט דער ראש ישיבה פארלערנען אלע שיעורים, סיי אין גמרא, סיי חיזוק שמועסן און אזוי ווייטער.

אזוי ווי במשך דעם זומער זוכן פילע אידן זיך אריבער צו כאפן אין ישיבה מיטצוהאלטן א שיעור וועלן מיר דא אראפברענגען דעם סדר היום כדי מען זאל וויסן ווען צו קומען.

דער סדר פון די ישיבה הייבט זיך אן אכט אייגער אינדערפרי ווען דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר דער טעגליכער שיעור גמרא פאר די בחורים, דער שיעור איז א געשמאקע שיעור קלאר קורץ און שארף, און נאכ'ן שיעור נעמט מען ארויס פון די גמרא עצות און חיזוק אויף למעשה. אום עלף אזייגער דאווענט מען שחרית, פיר אזייגער איז מנחה.

דער בארימטער טעגליכער שיעור התחזקות קומט פאר בעז"ה יעדע נאכט אום 8:15, וואס צו דעם שיעור קומען כסדר צו פארן פילע אידן. טאג טעגליך זעט מען אידן וואס זענען פונקט דורכגעפארן דעם געגנט און כאפן זיך אז דא איז די ברסלב'ע שטעטל מיט די ברסלב'ע ישיבה און זיי שטעלן זיך אפ טועם צו זיין פון די זיסע לעבטיגע עצות און שיעורים פון ראש ישיבה, ווי די צוהערער דערכאפן זיך דאס הארץ, און דערמאנען זיך א קוק צו טון אויפ'ן הימל, און געדענקען אז דער באשעפער פירט די וועלט ווי אזוי ער וויל, און וואס מ'דארף ווענדט מען זיך נאר צו אים. נאכן שיעור וועט מען דאווענען מעריב.

יעדן דאנערשטאג נאכט במשך דעם זומער וועט פארקומען אין היכל ראזענבערג די וועכטנליכע שיעור פאר אינגעלייט אום 9:00.

די זומער וואכן זענען די בעסטע הכנה צו די הייליגע טעג, מען פארברענגט אין קעמפ נאר מיט דיביימער און הימל און מיט'ן אייבערשטן, עס איז גארנישט דא פאר די אויגן, נאר די הייליגע תורה און תפלה, דער סידור, די חומש, משניות און גמרא, און אזוי ווייטער, און מיט דעם טוט מען מאכן די ריכטיגע הכנה צו ראש השנה, וואס איז שוין אט אט דא.

די ישיבה קטנה בחורים וועלן פארברענגען זוממער אין מחנה אילן החיים וואס איז באשטימט געווארן פאר זיי, וואס דאס וועט זיכער זיין גאר א גרויסע תועלת, און וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אריינכאפן אסאך פסוקים תורה ותפלה, מצוות ומעשים טובים, און אזוי אויך אלע גוטע מדות און יראת שמים וואס די חשובע מגידי שיעור שליט"א לייגן אריין אין זיי.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער זומער אויך זיין א גרויסע סוקסעס אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, מען וועט זיך אנשעפן פילע הויפענעס מיט תורה ויראת שמים.

**ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה!**

## מ'רעדט צום וואנט

**וואס טוט מען ווען מ'רעדט צו א קינד, איינמאל און נאכאמאל, און עס שפירט זיך ווי רעדן צום וואנט? דאס קינד הערט נישט וואס מען רעדט צו אים**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 4, 2, 1, 124**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >